Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1937

10

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 10

פֿארכאָלעמטע פּאלאטקעס שפּרייטן אויס זיך נעפּלדיק,
עס גאנוועגן זיך אָוונטיקע שאָטנס בא די ווענט;
דעם טאָג האָט אווראָם-הערש געטרייסלט ווי אַן עפּלבוים,
געריסן זיך, ווי פֿויגל, האָבן שאָען פֿון די הענט.

איז לויסער אים די נאכט און אפן הארץ — נאָך לויטערער,
מיט פרידן גייט ער דורך לעם דער געבײַדע פון פארטקאָם:
ווי כאפּט מען ניט קיין קוק אין פענצטער אין באלויכטענע?
ווי שטעלט מען זיך ניט אָפּ א דריי טאָג מיטן קאָפּ?

א פרישער לאבן ברויט אונטער דער פּאכווע בריט,
אים א האלבע פּלייצע עמעצ אויסגעשמירט מיט מעל האָט;
נאָר מיט אָפן מויל און צוגעשמידטע טריט
באַם פענצטער שטיין געבליבן זיער פּריטשמעליעט.

צי ווײַזט זיך אים נאָר אויס, צי ס׳שווינדלט אין די אויגן...
א ווער רופט מען צו — דערלאַנגען אים א טאָר?
און ווידער זיך ארומגעקוקט און ווידער — אופגעהויבן:
איז וואָס? ס׳איז טאַקע ער? געשיקט זיך — דער פאַרטאָרג?

אַפ ארום אין ווײַט געכאָרכלט האָט דער דניעפער,
דעם גאָרגל אים געטראָטן האָבן זעכציק שווערע פיס;
און פײַערן צעפּאָכעטע, ווי אופגעוויגטע גלעקער,
נאָר ס׳האָט מיט אווראָם־הערשן זיך ניט אָנגעקערט אָט איצט.

געקוקט האָט ער אין שויב מיט ליפּן אופגעשפאַרטע,
געשלונגען מיטן אָטעם יעטווידן באַוועג;
ווען א מענטש א היימישער וואָלט דורכגעגאַן דעם שליאַך דאָ,
אז ער זאָל קאָנען געבן בא עמעצן א פרעג!..

אַפ ארום אין ווײַט האָט נאַכט זיך אופגעפּעכערט,
דער ראַש איז אַפן דניעפּ, ווי באַם אראָפּלאָזן א שיפ;
אַפ פײַער־פלאַכן — שיפלעך, ווי שווימענדיקע פערד דאָרט,
און ס׳רײַסן גלײַך ווי בויגנס זיך געשרייען אין דער טיפ.

נאָר אין פאַרטקאָם איז שטיל. געשפּענסטער פון פּראָיעקטן
מיט רויטן שריפט געבונדענע אַפ קאַרטע פונעם לאַנד;
און אין בלויען קאַלק — געאָדערט און געוועבטן —
איז פײַערלעך און וואָכעדיק באַקליידט א יעדער וואַנט.

און שטיל איז אין פאַרטקאָם. געשפּענסטער פון געבײַען
און שאָטנס פון אראָפּגעלאָזטע רינגען און פון שטריק;

און דער הויכער באַלקנ ציט צו זיך טרובאַענ
א שלאַנקנ, א געשלענגלטנ — הינ און צוריק.

גימנאסטיק מאכט טרובא. גימנאסטיק דער פּאַרטאָרג מאכט.
ס'איז ווײַט צו האַלבער נאכט. ס'איז ווײַטער נאָך ביז טאָג;
ס'א קונצ! — טראכט אווראָמ־הערש, — דערגיינ צו אזא כאָכמע.
ס'איז וואָס? ס'איז טאקע ער? געשיקט זיך — דער פּאַרטאָרג?

ווענ טרובא פאַרזיצט דאָרט בא דער ארבעט אמאָל שפּעט זיך,
ווענ אינ זיבנ ארבעטנ — א האַלבע נאכט פאַרבײַ, —
איז גיט ער כּונעמ באַלקנ א לאָז אראָפּ טראַפּעציעס,
און ס'לאָזט זיך אינ דער אכטער אָפּפרישנ טרובא.

עס גיבנ פונ די קעמערלעך א שפּאַר ארויס זיך מוסקולנ,
זיי גיבנ זיך א יאָג אזא, א גליטש איבערנ לײַב;
עס כאַפּנ זײַנע ביינער אזא קלינגענדיקנ שמועס דאָרט,
און אָט איז ער שוינ אויסגעצויגנ, בייגעוודיק און גלײַך!

א שנײַד גיט ער די לופט — אינ דר'הייך איבער זײַנ קאָפּ,
א שטופּ גיט ער דעמ דיל פונ זיך, און ער — צעווישנ;
עס גיט א זונג דאָס בלוט — פונ אויבנ ביז אראָפּ,
און ס'שליסנ אײַנ זיך ביינער — אופגעוויגטע, פרישע.

און אינ שטײַפנ אָנגעשטרענג אינ קרעפּטיקנ — דער קערפּער
פאַרגייט זיך אינ דער שטילקײַט פונ דער נאכט, ווי א געזאנג;
עס דוכט אימ, אז זײַנ אָטעמ יאָגט און איבערקערט דאָרט,
אז צריק זאָל ער צומ ארבעטס־טיש ניט אָנקומענ פאַרזאמט.

ס׳ פארשווינדן פונעם אויג די הייסע ווערטיקאלן,
און לייכט ווערט אים אין קאָפּ פון קרעפּטיקן געשפּאַן;
פון איין וואַנט שמייכלט — לענין, פון דער צווייטער — סטאַלין,
ווי זיי וואָלטן באַוויליקט: — בראַוואָ! גוט, טרובאַ!

געשטאַנען ז׳ אוראַם-הערש, געקוקט און זיך געוווּנדערט.
און איינגעשטעלט א לייכטן קלאַפּ אין שויב:
ס׳וואָלט יעדער מענטש א באַלד זיין דערגיין שוין ביז גרונט דאָ,
וואָס איז דאָס פאַר א מאָדנער סאָרט פאַרשוין?

האָט טרובאַ געעפנט ס׳ פענצטער אוראַם-הערשן,
אים אויסגעשטרעקט די הענט, די ליפּט געטאָן א זויג:
— ווי שפּעט איז, אוראַם-הערש? אזייגער צוועלף זיין איצטער קער שוין?

נו וואָס? איך מאַך עס פיין? געזען האָסט וויאַזוי?

א ווײַלע נאָך געקוקט. א ווײַלע נאָך געקלערט דאָרט,
א ווײַלע זיך געדרייט — אהין, אהער
און אויסשיסן ז׳ געוועז אים לייכטער מיט געלעכטער:
— פונוואַנען ווייסט איר, כאַווער, אז מע רופט מיך אוראַם-הערש? —

— פאַרוואָס זאָל מען ניט וויסן? דו אַרבעטסט גוט, דו זשליאָקעסט,
דו גייסט אין דיין בריגאַדע סאַמע ערשט,
איז וואָס פאַר אזא גוואַלדיק-גרויסער פּאָקוס
וויסן, אז מע רופט דיך — אוראַם-הערש?! —

עס האָט זיך אוראַם-הערש א רוק געטאָן פאָרויס,
א דריי געטאָן דעם קאָפּ, ווי עמעץ וואָלט געלאָקערט.

אינ איז שוינ מיטנ גאנצנ קאָל ארויס:
— פונוואנענ ווייסט איר, כאווער, אז אוורא‍ָמ-הערש זשליאָקעט? —

— פארוואָס זאָל מענ ניט ויסנ? א טשערוואָנעצ יעדער טאָג איז!
דאָס ווײַב האָסטו אינ דר׳ היימ געלאָזט דאָרטנ ביז איצט...
איז וואָס זשע פאר אזא מינ גרויסער פּאָקוס
ויסנ, אז דו טרינקסט מיט יעדערנ מאריטש?

דו זאָלסט אמאָל אינ קלוב ארײַנגיינ אונ — א לייענ
א צײַטונג... כ׳וויס... נו, ספּאָרט, ווי איכ... —
אונ אז עס נעמט אינ קאָפּ זיכ אוורא‍ָמ־הערשנ דרייענ,
אונ אז עס גיט דער קאס פונ האלדז בא אימ א קריכ:

— וואָס בינ איכ דאָ? אנ ארבעטער, צי בינ איכ דאָ א שילער? —
צעשמייכלט זיכ טרובא צו אימ: — ביידע באגלײַכ!
אָט זאָגסטו דאָכ, אז רײַטנ קאָנסט, ווי וואָראָשילאָוו,
אונ שיסנ פארגעוויס — ניט בעסער פונ דײַנ ווײַב! —

אונ ס׳האָט זיכ אוורא‍ָמ-הערש פארשעמט... — נו, גוט, נו, גוט! נו...
דער זייגער האלט... ער האלט שוינ זייער שפּעט;
פונ מײַנ א פּאטש קאָנ אויכעט ווערנ קאלעמוטנע,
אזוי ווי פונעמ בעסטנ פּיסטאָלעט! —

אפ טרובאענ האָט א שמייכל זאפטיק זיכ צעשײַנט,
דאָס פּענצטער ניט געגלוסט האָט אפ א ווײַל זיכ אימ פארשליסנ,
נאָר געפלאקערט אוורא‍ָמ-הערש האָט אונ געשוויצט פונ שאנד:
— אונ פונוואנענ ווייסט איר, כאווער, אז איכ קאָנ ניט שיסנ? —

— פאַרוואָס זאָל מען ניט וויסן? ס'קומט אַלץ, ווי אַפּ דער וואָג אויס!
אַפּ דעם קריג — ניין! מיט אַ ביקס — ניין!
איז וואָס פאַר אַזאַ גוואַלדיק־גרויסער פּאָקוס
וויסן, אַז פון פּופּציק טרעפסטו ניט קיין איינס? —

— און איר אַפּ וויפל טרעפט פון פּופּציק אין די ווענט,
און איר מיט אָט די הוידלקעס? ס'איז אויך צוליבן שאָס? —
און אויסגעשטרעקט טרובאַ האָט אווראָם־הערשן ביידע הענט:
— שפּרינג אַריַין אַהער, — וועסטו אַ קוק טאָן — צוליב וואָס! —

אַ שפּרונג געטאָן מיט קאַס האָט אווראָם-הערש און איז געפאַלן,
אַפּ דר'ערד ט'ער זיך געגעבן אַ הילכיקן צעלייג,
און אופגעהויבן האָט ער זיך זידלענדיק: — אַ באַלן!..
שיסט איַיך דאָרט שוין ווייַטער און... טרעפט איַיך שוין אַליין! —

געקייַקלט האָט טרובאַ זיך הילכיק פון געלעכטער:
— געוווּנען, אווראָם־הערש! נו, האָב ניט קיין פאַרדראָס!
אָט אַזאַ געזונטע, אָנגעפּעלצטע סטערטע...
אַ שפּרונג טאָן, ווי סע דאַרף צו זיַין... — נו, ווייסט שוין צוליב וואָס? —

אוועק איז אווראָם־הערש, דערלאַנגט אין טיר אַ האַק,
אַרײַנגעפאַלן טומלדיק־פאַרסאָפּעט און פאַרמאַטערט:
— וואָס האָט איר, באַלעגאָלעס, זיך צעלייגט איצט אין באַראַק?
גייט נאָר כאַפּט אַ קוק, ווי ס'ברעכט זיך שוין טרובאַ דאָרט!

דעם ראָק פון זײַנע אַקסל דערלאַנגט האָט ער אַ ריס,
און איינעם מיט די פיס דערלאַנגט האָט ער אַ טרייסל:

— גימנאסטיקע אפּ וועטשערע! אנ איבעראש — וואָס איז? —
געטרייסלט ט'אווראָמ-הערש זיכ פונ געלעכטער אונ געטעסעט:

— מע דארפ ניט קיינ טעאטער! פּונקט ווי אינ א צירק,
גאָט זאָל מיכ אזוי נאָכ אויסלייזנ פונדאנענ! —
אונ איינעמ — א צעטויכע, דעמ אנדערנ — א צי:
— ווו ביסטו ערגעצ, זאָזל? מע ווארט דאָכ אפ דיר, טאנע!

נאָר זאָזל איז געזעסנ אינעמ גרעט אונ זיכ געקראצט,
פונ סאמע אונטער ד'הענט אנטלאָפּנ אימ א פליי איז;
געזוכט האָט ער, געזידלט זיכ: — א שוועבעלע! — אינ קאס:
— איכ בעט דיכ, אווראָמ־הערש... זאָג מיר ניט קיינ דייעס! —

— דייעס — ט'ער זיכ נאָכגעקרימט — דעמ טאטנ דײַנעמ ווי איז,
אינ לאָז זיכ מיר אָט דאָ א הייב טאָנ אפ דער באנק! —
אונ זיכ א ריס געגעבנ אינדערלופטנ, ווי טרובא:
— ס'איז מיר נאָר א שאָד, וואָס כ'האָב דאָ ניט די שלייעס.

דאָ וואָלט אווראָמ־הערש, פארלאָז זיכ, ניט געפאלנ,
אופגעהאנגענ וואָלט איכ זיי אינמיטנ דעמ באראק;
הער אופ זוכנ, זאָזל! מ'עט דיר שענקענ אלע,
ווײ איז דיר! א פליי האָט דיר פארפעלט, פערדאק!

ס'האָט זאָזל פונ צוקאָפּנס א כאפּ געטאָנ די הויזנ,
ער האָט מיטנ געזעס צו זיי זיכ צוגעקלייעט
אונ אויסגעשטרעקט דאָס מויל זײַנס דאָס צעשפּאָלטענע, דאָס גרויזאמע:
— פונוואנענ, זאָג מיר, ווייסטו, אז איכ זוכ א פליי? —

— פארוואָס זאָל מען ניט וויסן? דו קראצסט זיך, אונ דו „האָ״קעסט,
אונ בייזערסט זיך, מע ווייסט ניט וואָס אונ ווען;
איז וואָס פאר אזא גוואלדיק־גרויסער פּאָקוס
טרעפן, אז דו זוכסט א פליי דאָרט אינ דעם העמד? —

די שטילקייט אינ באראק האָט ווידער אויסגעשפּרייט זיך,
געכראָפּעט האָט מען פרידלעך אינ דער ברייט אונ אינ דער לענג;
אונ אוראָם־הערש מיט שטריק פארוואָרפן איבער פּלייצע
ארייַנגעטייַנעט האָט דאָרט שטיף אינ זיך אליינ.

ארומגעזוכט א הוק. דעם באלקן ט׳ער באטראכט דאָרט,
דעם קאָפּ פארהויבן הויך אונ דורכגעצילט דעם שטריק;
א פּרווו געטאָן — עס האלט! א קוק געגעבן — פארטיק!
אונ בורבלדיק א הייב געטאָן זיך הינ אונ צריק:

— אָט דאָ גיב איך אזוי א צי זיך צו דער סטעליע,
אָט דאָ גיב איך א דוכן, באלעגאָלעס, ווי איך קאָן;
אונ גאָט זאָל מיך אזוי אפּ מייַנע פיס נאָך שטעלן,
ווי כ׳לייג אוועק אפּ ביידע דעם כאווער פונ פארטקאָם!